בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ס"ז

פרשת חקת
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת רְאֵה, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת רְאֵה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### דִי בַּאגְרִיף פוּן קִינְדֶער

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיר לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל רֶעדְן פוּן אַ נְקוּדָה וָואס אִיךְ ווִיל אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס זָאלְן ווִיסְן, מֶען הָאט שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אָבֶּער מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם, בִּיז מֶען וֶועט עֶס כַאפְּן; עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען וֶוערְט אַ מְחַנֵּךְ אוּן מֶען כַאפְּט דִי בַּאגְרִיף פוּן קִינְדֶער.

קִינְדֶער קוּמֶען נִישְׁט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע זִיךְ קְרִיגְן מִיטְ'ן מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין!

וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין זָאגְט עֶפֶּעס פַאר אַ קִינְד, אוּן דֶער קִינְד גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז 'דֶער קִינְד ווִיל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן'. אוּן דָאס צוּ כַאפְּן - נֶעמְט אַסַאךְ צַייט.

עֶס אִיז דָא אַ נַאטוּר בַּיי קִינְדֶער אַז וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס, אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל עֶס אָנֶנֶעמֶען אוֹיף דִי גֶעזוּנְטֶע וֶועג, הֵייבְּט עֶר אָן לַאכְן. גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אִינְדֶערְהֵיים אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל ווִיסְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, - הָאבּ אִיךְ אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער וָואס וֶוען אִיךְ הַאלְט אִים פָאר אוֹיף עֶפֶּעס, לַאכְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעטוּן מִיט קִינְדֶער, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס קִינְדֶער זֶענֶען, וָואלְט עֶר גֶעכַאפְּט נָאךְ אַ פְּרַאסְק, אוּן אַז עֶר וָואלְט וַוייטֶער גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: **"עֶס טוּט נִישְׁט וֵויי..."** וָואלְט אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן נָאךְ אַ פְּרַאסְק, בִּיז דְרַייסִיג פֶּעטְשׁ... וַוייל דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר שׁוֹין אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין, אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעטְרַאכְט: 'אָהָ, דָאס אִיז שׁוֹין טַאקֶע גֶעוֶוען אַבִּיסְל צוּפִיל...'

אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר אַ מְלַמֵּד, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְּן אַז דֶעם עֶרְשְׁטְן יָאר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דִי זַאךְ אַז עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר נַאטוּר, וֶוען מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ פְּסַק, אָדֶער מֶען זָאגְט זֵיי וָואס צוּ פַארְעֶכְטְן, לַאכְן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶער: **"הַא, הַא, עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן..."** - אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, דֶער קִינְד טוּט עֶס בְּלוֹיז וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר שֶׁעמֶעדִיג, אוּן הָאט מוֹרָא 'וָואס וֶועט מֶען טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר אַז מֶען הָאט מִיר עֶפֶּעס פָארְגֶעהַאלְטְן', דֶערְפַאר מוּז עֶר זִיךְ עֶפֶּעס אָנְרוּפְן צוּ וַוייזְן אַז 'עֶכְט בַּאדֶערְט עֶס מִיךְ נִישְׁט', אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֵוייסְט דֶער קִינְד אַז עֶר הָאט נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז עֶר דַארְף פַארְעֶכְטְן.

אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם כְּלַל, גֵייט מֶען אַרַיין אִין אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע קְרִיגֶערֵיי מִיטְ'ן קִינְד, אוּן אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען קַאלְיֶע מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם.

### דֶער קִינְד הָאט לִיבּ זִיךְ צוּ סְווִינְגֶען...

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס; בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פוּן אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת וָואס הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב'; אִיךְ ווִיל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין, אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט פַאר אַ קִינְד וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אוּן דֶער קִינְד מַאכְט אַ שְׁמֵייכְל אָדֶער אַ תְּנוּעָה כְּאִילוּ 'עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן', נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז אַ נַאטוּר, עֶס אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט פוּן אַ קִינְד!

די בַּאגְרִיף פוּן קִינְדֶער

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, בִּין אִיךְ נָאר גֶעוֶוען מְלַמֵּד אַ הַאלְבֶּע טָאג, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דִי סֵדֶר אִין שׁוּלֶע, יֶעדֶע לֶערֶערִין קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער פַאר אַ הַאלְבֶּע טָאג. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער פַארְמִיטָאג מְלַמֵּד אוּן נָאכְמִיטָאג אִיז גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶער מְלַמֵּד, וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר אַ מְלַמֵּד. דָאס צְוֵוייטֶע יָאר פוּן מַיין מְלוּמְדוּת הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ קִינְד וָואס בַּיי מִיר אִיז דֶער קִינְד גֶעוֶוען דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד, אָבֶּער בַּיים נָאכְמִיטָאג מְלַמֵּד אִיז עֶפֶּעס פָארְגֶעגַאנְגֶען, דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ גֶע'הַרְגְ'עט מִיט אִים יֶעדְן טָאג, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיין טַאטֶע מִיט זַיין זֵיידֶע, עֶר הָאט אִים יֶעדְן טָאג אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן כִּתָּה אוּן צוּרִיק אַרַיין גֶעוָוארְפְן אִין כִּתָּה...

אֵיין טָאג פְרֶעג אִיךְ דֶעם נָאכְמִיטָאג מְלַמֵּד: **"וָואס גֵייט פָאר מִיט דֶעם קִינְד? בַּיי מִיר אִיז עֶר דָאךְ דֶער בֶּעסְטֶער קִינְד פוּן כִּתָּה?!"** זָאגְט עֶר מִיר: **"דֶער קִינְד הָאט לִיבּ זִיךְ צוּ סְווִינְגֶען (שָׁאקְלֶען זַיין בֶּענְקְל) אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, וֶוען אִיךְ זָאג אִים עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט סְווִינְגֶען אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, מַאכְט עֶר אַ תְּנוּעָה ווִי עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף!"** הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַארְ'ן מְלַמֵּד: דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דֶער קִינְד אִיז אִינְדֶערְהֵיים אַ גֶעצֶערְטְלְט קִינְד, דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען זָאגְט אִים עֶפֶּעס אִין כִּתָּה בָּרַבִּים, פַּאסְט אִים נִישְׁט אַז מֶען הָאט אִים עֶפֶּעס גֶעזָאגְט, דֶערִיבֶּער מוּז עֶר מַאכְן אַזַא תְּנוּעָה, אָבֶּער עֶר מֵיינְט גָארְנִישְׁט דֶערְמִיט, בַּיי מִיר וֶוען עֶר סְווִינְגְט זַיין בֶּענְקְל, זָאג אִיךְ אִים: **"מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט יֶעצְט סְווִינְגֶען, זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ שֵׁיין!"** אוּן אוֹיבּ עֶר רֶעדְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען זָאג אִיךְ אִים: **"רֶעד נִישְׁט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען!"** אוּן עֶר מַאכְט טַאקֶע דֶעם זֶעלְבְּן תְּנוּעָה, וַוייל עֶר ווִיל מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף אִים, אָבֶּער אִיךְ נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶר אִיז

אַ טַייעֶר קִינְד, נָאר עֶס אִיז אִים זַייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן אַז אֵיינֶער זָאגְט אִים עֶפֶּעס קְרִיטִיק, עֶס אִיז זַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אֵיינֶער זָאגְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דָאס ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, נֶעמְט נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד מַאכְט אַ פַּאקְס אָדֶער אַ קִינְד מַאכְט אַן אִיקְסל, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער קִינְד אִיז מַיין פְרֶענְד (חַבֶר), אוּן דֶער קִינְד אִיז מַיין שׂוֹנֵא'; עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז אַ קִינְד, אוּן מֶען דַארְף אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ פָאלְגְן.

## פַארְוָואס קוּמֶען קִינְדֶער אִין חֵדֶר?

קַיין אֵיין קִינְד קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיטְ'ן מְלַמֵד אוּן לֶערֶערִין! קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע בְּלוֹיז צוּלִיבּ אֵיין סִיבָּה, וַוייל דִי מַאמֶע הָאט אִים גֶעהֵייסְן: **"גֵיי אִין חֵדֶר"**, **"גֵיי אִין שׁוּלֶע"**, אוּן זִי הָאט אִים אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן בָּאס... - דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִיבָּה פַארְוָואס קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע.

עֶס אִיז דָא אַן הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים, סִימָן ערה, סְעִיף א) אַז שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען אִין פָארְנְט פוּן אַ לֶעכְט [הַיינְט אִיז דִי וֶועלְט פָארְגֶעשְׁרִיטְן אַז מִיר הָאבְּן לֶעקְטֶער, פַארְצַייטְנְס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין לֶעקְטֶער, הָאט מֶען בַּיינַאכְט נָאר גֶעקֶענְט זֶען אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעהַאט לֶעכְט]. פַארְוָואס טָאר מֶען נִישְׁט לֵיינֶען בַּיי אַ לֶעכְט? וַוייל דִי חֲכָמִים הָאבְּן מוֹרָא אַז דִי לֶעכְט וֶועט זִיךְ אָנְהֵייבְּן אַבִּיסְל צוּ פַארְלֶעשְׁן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען נֶעבְּן דִי לֶעכְט, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז הַיינְט אִיז שַׁבָּת, אוּן עֶר וֶועט בֵּייגְן דֶעם קְנוֹיט צוּ דִי אוֹיל, אוּן עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר זַיין אוֹיף חִלוּל שַׁבָּת.

שְׁטֵייט אָבֶער אִין הֲלָכָה (שָׁם, סְעִיף ו) אַז 'תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן', קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען שַׁבָּת מִיט זַייעֶר מְלַמֵד [אַמָאל פְלֶעגְט אַזוֹי זַיין דֶער סֵדֶר, אַז שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען חֵדֶר]. מֶעגְן יָא לֶערְנֶען אִין פָארְנְט פוּן אַ לֶעכְט, פַארְוָואס? אִיז דָא דֶערוֹיף עֶטְלִיכֶע טַעֲמִים, אֵיין טַעַם אִיז, ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן מוֹרָא פוּן זַייעֶר מְלַמֵד, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט צוּקוּמֶען אָנְצוּרִירְן דִי לֶעכְט, נָאךְ אַ טַעַם שְׁטֵייט (תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, שַׁבָּת ח:) אַז בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז זֵיי וֶועלְן צוּקוּמֶען צוּ בֵּייגְן דִי לֶעכְט, וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיכֶער נִישְׁט וֶועלְן צוּרִיק אָנְצִינְדְן דִי לֶעכְט, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, קִינְדֶער וַוארְטְן קוֹים אַז דִי לֶעכְט זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶעשְׁן, וַוייל זֵיי ווִילְן שׁוֹין אַהֵיים גֵיין.

דָאס דַארְפְן דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס ווִיסְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא גֶעקוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט מִיר. אַז אַ קִינְד מַאכְט אַ פַּאקְס, אִיז גָארְנִישְׁט, נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, גֶעבּ אַ גְלֶעט פַאר דֶעם קִינְד אוּן זָאג אִים: **"בִּיסְט זַייעֶר אַ וואוֹיל קִינְד, אִיךְ וֶועל עֶס זָאגְן פַאר דַיין טַאטֶע"**, **"בִּיסְט זַייעֶר אַ וואוֹיל קִינְד, אִיךְ וֶועל עֶס זָאגְן פַאר דַיין מַאמֶע"**, **"בִּיסְט אוֹיסְנַאם פֵיין"**, אֵיי, עֶר הָאט דָאךְ גֶעלַאכְט פוּן מִיר?! - אִיךְ וֵויס אַז עֶר אִיז נָאךְ אַ קִינְד!

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן קִינְדֶער דַאוְוענֶען?

מְלַמְדִים פְרֶעגְן: **"וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן קִינְדֶער דַאוְוענֶען?"** - מִן הַסְתָּם ווִילְן עֶס דִי לֶערֶערִינְס אוֹיךְ ווִיסְן וַוייל בַּיי דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אִין שׁוּלֶע אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק אַז דַאוְוענֶען אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט.

קוֹדֶם כֹּל אִיז דָא אַן עֵצָה צוּ לֶערְנֶען 'פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת'. ווִילַאנְג אַ קִינְד וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דַאוְוענֶען, וָואלְט דָאס דַאוְוענֶען גֶעוֶוען 'אִידִישֶׁע תְּפִלוֹת' וָואלְטְן אַלֶע שֵׁיין מִיטְגֶעזִינְגֶען. דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער טַייטְשׁ פוּן דַאוְוענֶען.

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא, יֶעדְן טָאג פַאר מֶען הֵייבְּט אָן דַאוְוענֶען, קֶען מֶען גֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל שְׁמוּעֶס פוּן דְרֵיי פִיר מִינוּט אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוְוענֶען.

מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, מִיר וָואלְטְן יֶעצְט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם פָּאלִיס סְטֶעיְשְׁן (פָּאלִיצֵיי סְטַאנְצִיֶע) בֶּעטְן פוּן דִי פָּאלִיצֵיי וָואס מֶען ווִיל, אוּן זֵיי וָואלְטְן עֶס נָאכְגֶעגֶעבְּן, וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער גֶעקוּמֶען אוּן שֵׁיין גֶעבֶּעטְן: **"אֶפְשָׁר זָאל מֶען מֶער נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן מַיין טַאטֶע'ס קַאר"**, **"אֶפְשָׁר זָאלְט עֶטְץ מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעטְס פַאר מַיין טַאטֶע"**; אָדֶער, מֶען וָואלְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת צוּ גֵיין אִין גֶערִיכְט הוֹיז אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם שׁוֹפֵט מִיטְ'ן שְׁוַוארְצְן כַאלַאט אוּן דֶעם הַאמֶער - וָואס מֶען ווִיל, וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער גֶעקוּמֶען אוּן שֵׁיין גֶעבֶּעטְן: **"אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ לָאזְן אוּנְזֶער טַאטֶע בּוֹיעֶן אַ הוֹיז"**, **"אֶפְשָׁר לָאזְטוּ מֶען זָאל טוֹישְׁן דִי זָאנוּנְג רֶעגוּלַאצְיֶעס מֶען זָאל קֶענֶען בּוֹיעֶן מֶער הַייזֶער"**; אָדֶער, מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין וַואשִׁינְגְטָאן צוּ דִי וַוייטְהַאוּז (דִי הוֹיז פוּנֶעם פְּרֶעזִידֶענְט), מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין צוּם פְּרֶעזִידֶענְט אוּן בַּאקוּמֶען וָואס מֶען בֶּעט, וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן שֵׁיין גֶעבֶּעטְן: **"אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ אֵיינֶעם אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט פוּן תְּפִיסָה"**; דָאס גֵייעֶן מִיר יֶעצְט טוּן! מִיר גֵייעֶן יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מַלְאָכִים קֶענֶען נָאר לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אִין זַייעֶר לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן אֵיין שַׁאנְס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר אִידְן קֶענֶען יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט דַאוְוענֶען, דֶערְפַאר וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים פוּן דַאוְוענֶען, אוּן אִיךְ זֶע אַז מֶען דַאוְוענְט נִישְׁט, וֶוערְט נִישְׁט דֶער קִינְד אִין מַיינֶע אוֹיגְן 'אַ שְׁלֶעכְט קִינְד' וַוייל עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים דַאוְוענֶען, וַוייל אִיךְ וֵויס אַז דָאס זֶענֶען קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְנִישְׁט וָואס דַאוְוענֶען מֵיינְט, בַּיי דִי דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר - וֶועט עֶר שׁוֹין גוּט ווִיסְן וָואס מֵיינְט דַאוְוענֶען.

## דֶער קִינְד אִיז מַמָשׁ אַזוֹי וִוי מִיר!

עֶס מֵיינְט אָבֶער נִישְׁט אַז אִיךְ גֵיי יֶעצְט לָאזְן דִי כִּתָּה הֶפְקֵר, אַוַודַאי דַארְף זַיין דִיסְצִיפְּלִין, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"יֶעצְט נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי סִדוּרִים"** **"יֶעצְט גֵייט מֶען דַאוְוענֶען"**, אָבֶער אוֹיבּ קִינְדֶער דַאוְוענֶען נִישְׁט, מֵיינְט נִישְׁט אַז **"עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים דַאוְוענֶען"**, אוּן עֶר אִיז 'מַמָשׁ אַ שְׁלֶעכְט קִינְד', נָאר דָאס אִיז דֶער בַּאגְרִיף וָואס הֵייסְט 'אַ קִינְד'.

דָאס דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְלֶערְנֶען; פוּן אֵיין זַייט, גֵיי אִיךְ אִים מְחַנֵךְ זַיין אוּן זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַז עֶר טוּט נִישְׁט, וֶוערְט עֶר נִישְׁט מַמָשׁ גֶעפֶערְלִיךְ.

אַז אַ קִינְד מַאכְט תְּנוּעוֹת אִין כִּתָּה, עֶר לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער פוּנֶעם מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין, אָדֶער מֶען טְרֶעפְט אַ קִינְד בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן קִינְד, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל, דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַלְס קִינְד, מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעלַאכְט פוּן אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט נִישְׁט גוּט. וֶוען אַ מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין ווִיל זִיךְ אוֹיסְדְרוּקְן: 'דֶער קִינְד אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר אִיז דָאךְ מַמָשׁ...' - זָאל עֶר צוּלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער: **"עֶר אִיז מַמָשׁ אַזוֹי וִוי מִיר!"...**

גֶעדֶענְקְט אָבֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט לָאזְן קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער, - אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נֵיין! מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין, אָבֶער זֵיי וֶוערְן נִישְׁט יֶעצְט פַארְדָארְבְּן, שְׁלֶעכְט אוּן גֶעפֶערְלִיךְ אוֹיבּ זֵיי טוּעֶן עֶס נָאכְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען קִינְדֶערִישׁ אוּן פַארְשְׁפִּילְט.

## דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן טַאטֶע מַאמֶע

דָאס אִיז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער דַאוְוענֶען, אוּן מַאכְן קִינְדֶער פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוְוענֶען, אוּן דָאס

שֵׁיינְקֵייט פוּן טַאטֶע מַאמֶע.

מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט זֵייעֶרע קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד דֶעם זוּמֶער, פַאר דִי פָּאר וָואכְן וָואס מֶען אִיז אִין קֶעמְפּ, זָאגְן אַז זֵיי זֶעעֶן גָאר אַ גְרוֹיסֶע חִילוּק אוֹיף זֵייעֶרע קִינְדֶערְ'ס דֶרֶךְ אֶרֶץ אִינְדֶערְהֵיים. אַ גַאנְץ יָאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַזַא זַאךְ פוּן 'טַאטֶע מַאמֶע', זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט פוּן אֵיין זַאךְ: חֲבֵרִים, פְרֶענְדְס אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶּער זַייט זֵיי לֶערְנֶען בַּיים רֶבִּי'ן קוּמֶען זֵיי אַהֵיים אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, זֵיי עֶנְטְפֶערְן שׁוֹין נִישְׁט פַאר דִי מַאמֶע, מֶען רֶעדְט שׁוֹין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; דָאס קוּמְט פוּן דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס וָואס רֶעדְן פוּן דֶעם טָאג נָאךְ טָאג.

וֶוען אַ קִינְד לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער, זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעלַאכְט. וֶוען אִיךְ טְרַאכְט צוּרִיק וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיינֶע קִינְדֶער יָארְן, וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעטוּן?' - אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, דָאס טוּעֶן קִינְדֶער.

## לֶערְנֶען אִין וַואלְד

מְלַמְדִים זָאגְן מִיר, אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אִין וַואלְד, זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז אַזוֹי הָאט מֶען אַמָאל גֶעלֶערְנְט. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי סַאטְמֶערֶ'ע אִינְגְל קֶעמְפּ, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר טוֹיזְנְט קִינְדֶער אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין וַואלְד, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין כִּתָּה, מֶען הָאט גֶעהַאט טִישְׁן אוּן בֶּענְק אִין וַואלְד אוּן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט.

וֶוען עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגְעֶנֶען זֶענֶען אַלֶע - אַפָּאר טוֹיזְנְט קִינְדֶער - אַרַיין גֶעלָאפְן אִין אַ רִיזִיגֶע שׁוּל, אוּן מֶען הָאט דָארְט וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט. דִי מְלַמְדִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט וֵוייעֶרְס אוּן גֶעשְׁמִיסְן דִי קִינְדֶער... קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּ קִינְדֶער; אִיךְ בֶּעט עֶנְק מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, וֶוען עֶס רֶעגְנְט אוּן וֶוען מֶען דַארְף גֵיין זִיךְ בַּאשִׁיצְן פוּן דִי רֶעגְן, זָאל מֶען שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען זֵיי אַרָאפְּזֶעצְן אוּן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה.

## נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען!

עֶס לִיגְט מִיר אִין קָאפּ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט אַ בָּחוּר וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּן קֶעמְפּ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַ פִּיצַא, מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן שְׁטֵיין אוֹיפְן סְטֶעידְזְשׁ (בִּימָה) אַ שָׁעָה צַייט, וַוייל דֶער פַארְצֵיילֶער דַארְף שְׁטִיפְּן דֶעם טָאג מִיטְ'ן עֶסְן, דֶערְצֵיילְט עֶר זֵיי מַעֲשִׂיוֹת אוּן נֵייעֶס אַ שָׁעָה צַייט, אוּן דֶער בָּחוּר דַארְף שְׁטֵיין מִיט אַן אֵייעֶר שְׁפֵּייז שִׁיסְל אוֹיפְן קָאפּ, מִיט צְוֵויי שֶׁעפּ לֶעפְלֶעךְ אִין דִי הַאנְט, אוּן מֶען רֶעדְט פוּן אִים, מֶען רוּפְט אוֹיס: **"דָא שְׁטֵייט אַ בָּחוּר וָואס אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרוֹיס פוּן קֶעמְפּ, זִיךְ קוֹיפְן אַ פִּיצַא!"**

עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס דֶער בִּילְד פוּן מַיין קָאפּ, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעטוּן מִיט אוּנְז!

וואוּ אִיז עֶר דֶען גֶעגַאנְגֶען?! עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ קוֹיפְן אַ פִּיצַא! וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אִים פַארְשֶׁעמֶען אַ שָׁעָה צַייט אִין לָאנְטְשׁ רוּם?! - אַוַודַאי קֶען מֶען נִישְׁט לָאזְן דִי קֶעמְפּ אוֹיף הֶפְקֵר, אַוַודַאי טָאר נִישְׁט אַ בָּחוּר זִיךְ אַרוֹיס כַאפְּן אָן רְשׁוּת, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז **"קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִיר"**, רֶעד צוּ אִים שֵׁיין.

## עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה

אִיךְ וֵוייס אַז צוּ כַאפְּן דֶעם בַּאגְרִיף אַז **"דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט מִיר"** - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, נִישְׁט אַלֶע כַאפְּן דָאס. מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אַז זִי וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין קַיין לֶערֶערִין, וַוייל אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעבְּט אַלְץ אַ שְׁמֵייכְל וֶוען מֶען זָאגְט אִים עֶפֶּעס, אוּן זִי נֶעמְט עֶס פֶּערְזֶענְלִיךְ.

בֶּאֱמֶת אִיז עֶס גָארְנִישְׁט, הָאט עֶר גֶעלַאכְט, אַזוֹי זֶענֶען קִינְדֶער, וִוי קוּמְט דָא אַרַיין פֶּעטְשׁ?! עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, עֶר וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דִי זַאךְ אַז מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן עֶפֶּעס טוּן, עֶר הָאט מוֹרָא אַז אֵיינֶער וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים, דֶערְפַאר שְׁמֵייכְלְט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער.

## בֶּעטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה

פַאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה, גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט אִיבֶּער דִי נֶעמֶען פוּן דִי תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה; מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ תְּפִלָּה מַאכְט אִין הִימְל.

אַסַאךְ מָאל מֵיינְט אַ מֶענְטְשׁ 'אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶע טַאלַאנְטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט דִי כִּתָּה', נָאכְדֶעם קוּמְט עֶר אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מִיר, קֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג פוּן מִיר, מֶען הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס, מֶען ווִיל אַרוֹיסְגֵיין וֵויינֶען, דָאס קוּמְט וַוייל אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אִין אַ זַייט אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן חֵן אִין מַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן עֶס זָאל זַיין אַ גְרִינְגֶע טָאג".**

## צֶעטֵייל דֶעם טָאג

הַיינְט צוּפְרִי נָאכְ'ן שִׁיעוּר אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְדִים, אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן: **"עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶונֶען"**, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"צֶעטֵייל דָאס דַאוֶונֶען; פַאר דוּ הֵייבְּסְט אָן צוּ דַאוֶונֶען טְרַאכְט 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ מְתַקֵן זַיין דֶער חֵלֶק דַאוֶונֶען בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר', וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶונֶען בִּיז בָּרוּךְ שֶׁאָמַר מִיט כַּוָונָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ מְתַקֵן זַיין דֶער חֵלֶק דַאוֶונֶען נָאר פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז וַיְבָרֶךְ דָוִד', וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶונֶען אוֹיךְ דֶעם חֵלֶק מִיט כַּוָונָה, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַ גַאנְצְן צַייט טְרַאכְטְן נָאר פוּן אֵיין שְׁטִיקְל אוֹיפְּאַמָאל"** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכא).

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט גְלַייךְ פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט, קוּמְט עֶס אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְדִים, עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער צוּ טְרַאכְטְן 'אִיךְ דַארְף זַיין מְלַמֵד אַ גַאנְצֶע וָואךְ', 'אִיךְ דַארְף זַיין לֶערֶערִין אַ גַאנְצֶע וָואךְ', דֶערִיבֶּער אִיז גוּט צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּן 'הַיינְט' אוּן פוּן אַ קוּרְצֶע צַייט, 'הַיינְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער בִּיז רִיסֶעס, פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז עֶלְף אַזֵייגֶער', נָאךְ רִיסֶעס טְרַאכְט מֶען וַוייטֶער 'אִיךְ גֵיי אַרַיין צוּ דִי קִינְדֶער נָאר אוֹיף בִּיז לָאנְטְשׁ', אַזוֹי אִיז עֶס נִישְׁט שְׁוֶוער.

בַּיי לֶערֶערִינְס אִיז עֶס נָאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל אִין שׁוּלֶע אִיז דֶער טָאג צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי, מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז פִינְף אַזֵייגֶער, קֶען מֶען טְרַאכְטְן גְלַייךְ צוּפְרִי 'אִיךְ קוּם נָאר פַאר אַבִּיסְל, נָאךְ אַבִּיסְל גֵיי אִיךְ שׁוֹין אַהֵיים'.

## עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז מֶען זָאגְט דִיךְ וָואס צוּ טוּן

אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען וואוֹיל, אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט דֶעם נַאטוּר אַז וֶוען מֶען זָאגְט אִים עֶפֶּעס, מַאכְט עֶר פַאקְסְן (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס 'פַּרְצוּפִים'), עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, בַּאלְד וֶועסְטוּ מַאכְן פוּן דֶעם אַ שְׁמוּעֶס, קוֹדֶם גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט טָאג, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען זָאגְט עֶפֶּעס פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִים עֶס שְׁוֶוער אוֹיפְצוּנֶעמֶען, אָבֶּער עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז מֶען זָאגְט דִיךְ וָואס צוּ טוּן, מֶען מֶעג דִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן. אָבֶּער מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער קִינְד ווִיל מִיךְ שְׁטֶערְן אוּן דֶער קִינְד ווִיל מִיךְ אַרוֹיסְטְרָאגְן פוּן דָא, דֶער קִינְד ווִיל גָארְנִישְׁט, דֶער קִינְד אִיז אַ קִינְד.

אַז מֶען גֵייט זִיךְ אוּם מִיט דִי קִינְדֶער מִיט רַחְמָנוּת, מִיט הַארְץ אוּן תְּפִלָּה, קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

# הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פָּרָשַׁת רְאֵה, שְׁנַת תשפ״ג

### מִיטְהַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין כִּתָּה

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אוּן פוּן תְּפִלָּה.

אִיךְ ווִיל אַז דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן מִיטְהַאלְטְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין כִּתָּה, מֶען קֶען נִישְׁט בְּלוֹיז קוּמֶען זָאגְן מַיין שִׁיעוּר אוּן מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף דֶערְשְׁמֶעקְן אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ קִינְד אָדֶער מֶען צֶעטְרֶעט אוּן מֶען רוֹדְפְ׳ט אַ קִינְד, אוּן דָאס קֶען מֶען בַּאמֶערְקְן אִיבֶּערָאל, אוֹיפְ׳ן בָּאס אוּן בַּיים שְׁפִּילְן.

מֶען דַארְף מִיטְהַאלְטְן אוֹיבּ מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין נַייעֶ הַשָּׂגוֹת אִין דִי קִינְדֶער. עֶס קוּמֶען אַלְץ אַרַיין נַייעֶ קִינְדֶער אִין דִי מוֹסָד, דַארְף מֶען אוֹיפְכַאפְּן אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין נַייעֶ זַאכְן וָואס קְלֶערְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ו) ווֶען מֶען ווִיל ווִיסְן אַ זַאךְ דַארְף מֶען הֶערְן דִי קַאטָאווֶועס, דִי דְזְשָׁאוּקְס פוּן דֶעם פְּלַאץ; ווֶען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין אַ פְּלַאץ אוּן מֶען הֶערְט דִי דְזְשָׁאוּקְס פוּן דֶעם פְּלַאץ, קֶען מֶען גְלַייךְ ווִיסְן וואוּ דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז, דֶערְפַאר, דַארְף מֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קִינְדֶער, צוּ הֶערְן פוּן וָואס מֶען רֶעדְט אוּן מֶען לַאכְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט עֶפֶּעס, זָאל מֶען גְלַייךְ אִיבֶּער גֶעבְּן אִין אָפִּיס.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר ווֶערְטֶער ווֶעט עֶנְק גֶעבְּן אַבִּיסְל כֹּחַ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן עֶטְץ זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

### מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְפְן קַיין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק אוֹיף דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאף אַז דוּ וַוארְפְסְט נִישְׁט קַיין אֵימָה יְתֵירָה אוֹיף דַיינֶע תַּלְמִידִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן טַאקֶע (כְּתוּבּוֹת קג:): ״זְרֹק מָרָה בַּתַּלְמִידִים״, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן שְׁטְרֶענְג מִיט תַּלְמִידִים; דָאס מֵיינְט מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין חַבֵר פַארְ׳ן תַּלְמִיד, דֶער תַּלְמִיד קֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט זַיין חַבֵר, אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְפְן קַיין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן; נִישְׁטָא קַיין שְׁלָאגְן. אַז מֶען דַארְף שְׁלָאגְן - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם מְנַהֵל, אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי מִצְוָה, דוּ רִיר נִישְׁט אָן קַיין קִינְד.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט - דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט קַאנֶעס אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי כַּעַס אוֹיף דִי קַאנֶעס, נִישְׁט אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, צֹאן קָדָשִׁים״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא תשפ״ג)

### אִיךְ שִׁיק אוֹיךְ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ שִׁיקְן דַיין זוּן אִין קֶעמְפּ וְכוּ׳; אִיךְ שִׁיק אוֹיךְ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ, אִיךְ טוּ נִישְׁט וָואס מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן, אִיךְ טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג, וָואס מִיר - דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער - הַאלְטְן אַז עֶס אִיז רִיכְטִיג, דָאס טוּעֶן מִיר; מִיר מַאכְן נִישְׁט אוּנְזֶערֶע הַחְלָטוֹת לוֹיט דִי טְרֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער.

הַלְוַאי זָאל דַיין שְׁטוּב אוֹיךְ זַיין גֶעזוּנְט גֶעבּוֹיט, נִישְׁט ווִי דִי מָאדֶערְנֶע ווֶעלְט, אַז דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן וָואס דִי קִינְדֶער ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת נשא תשפ״ג)

### דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ זֶענֶען קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיגֶע וָואכְן פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי זוּמֶער וָואכְן אִין קֶעמְפּ זֶענֶען קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיגֶע וָואכְן פַאר דִי קִינְדֶער בִּכְלַל אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְסוּדָר. אִין דִי וָואכְן קֶען מֶען אַסַאךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי, בַּיים שְׁלָאפְן גֵיין אוּן בַּיים עֶסְן, בַּיים שְׁפִּילְן אוּן בַּיים שְׁלָאפְן; מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן זֵייעֶרֶע מִדּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן קִינְד, עֶס זָאל דִיר אָנְקוּמֶען גְרִינְג.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער; בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר יֶעדְן תַּלְמִיד.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת פנחס תשפ״ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876